


# מינימום וועידזש פאר גע'טיפ'טע ארבעטער

## דעצעמבער 31, 2022 ביז דעצעמבער 30, 2023

פון דעצעמבער 31, 2022 ביז דעצעמבער 30, 2023, זעט אונטן די מינימום ראטעס פער שעה וואס ארבעטסגעבער מוזן באצאלן גע'טיפ'טע ארבעטער.

**האספיטאליטי אינדוסטריע**

| | ניו יארק סיטי | לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | רעשטע פון ניו יארק סטעיט |
|---|---|---|---|
| סערוויס ארבעטער | $12.50 קעש וועידזש<br>$2.50 טיפ קרעדיט | $12.50 קעש וועידזש<br>$2.50 טיפ קרעדיט | $11.85 קעש וועידזש<br>$2.35 טיפ קרעדיט |
| עסווארג סערוויס ארבעטער | $10.00 קעש וועידזש<br>$5.00 טיפ קרעדיט | $10.00 קעש וועידזש<br>$5.00 טיפ קרעדיט | $9.45 קעש וועידזש<br>$4.75 טיפ קרעדיט |

*פאר מער אינפארמאציע וועגן מינימום וועידזש סטאנדארטן אין די און אנדערע אינדוסטריעס:
https://dol.ny.gov/minimum-wage-0

## צוזאמשטעלן קעש וועידזשעס און טיפ קרעדיטס צופרידנצושטעלן די מינימום וועידזש

ניו יארק סטעיט ערלויבט ארבעטסגעבער אין אלע אינדוסטריעס אויסער די בויען סערוויס צופרידנצושטעלן די מינימום וועידזש דורכן צוזאמשטעלן א "קעש וועידזש" באצאלט דורכן ארבעטסגעבער מיט א קרעדיט אדער ערלויבעניש פאר טיפס וואס דער ארבעטער באקומט פון קאסטומערס. צום ביישפיל, דער מינימום וועידזש פאר עסווארג סערוויס ארבעטער אין ניו יארק סיטי איז $15.00 פער שעה. זייערע ארבעטסגעבער קענען צופרידנשטעלן די מינימום וועידזש דורכן צוזאמשטעלן א קעש וועידזש פון אמווייניגסטנס $10.00 מיט א טיפ ערלויבעניש פון נישט מער ווי $5.00 פער שעה.

## באגרעניצונגען אויף טיפ קרעדיטס אין די האספיטאליטי אינדוסטריע

ארבעטסגעבער אין די האספיטאליטי אינדוסטריע מעגן נישט נעמען טיפ קרעדיטס פאר:

- טעג ווען גע'טיפ'טע ארבעטער געבן אויס מער ווי צוויי שעה, אדער צוואנציג פראצענט פון א שיפט, צו נישט גע'טיפ'טע ארבעט
- וואכן ווען סערוויס ארבעטער באקומען טיפס וואס זענען אין דורכשניט ווייניגער ווי דאס פאלגנדע:

**דורכשניטליכע טיפס פער שעה**

| | ניו יארק סיטי | לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | רעשטע פון ניו יארק סטעיט |
|---|---|---|---|
| אין רעזארט האטעלן | $8.40 | $8.40 | $7.95 |
| אין רעסטוראנטן און גאנץ-יאריגע האטעלן | $3.25 | $3.25 | $3.05 |

## באגרעניצונגען אויף טיפ קרעדיטס אין אנדערע אינדוסטריעס

קיין טיפ קרעדיט איז אוועילעבל אין די בויען סערוויס אינדוסטריע.

דער טיפ קרעדיט איז נישט אוועילעבל ווען וועכנטליכע טיפס זענען אין דורכשניט ווייניגער ווי דער מינימום סומע וואס איז ספעציפיש פאר די לאקאציע און מאס פונעם ארבעטסגעבער.

**ביטע באמערקט: פון דעצעמבער 31, 2020 זענען טיפ ערלויבענישן נישט ערלויבט אין מיסעלעיניוס אינדוסטריעס (אלע אנדערע אינדוסטריעס אויסער האספיטאליטי, פארם-ארבעטער, און בויען סערוויס). ארבעטסגעבער זענען נישט ערלויבט צו האלטן פאר זיך אדער אפהאלטן סיי וועלכע טייל פון א טיפ וואס אן ארבעטער באקומט.**

### אווערטיים

פאר גע'טיפ'טע ארבעטערס, מוזן ארבעטסגעבער באצאלן אווערטיים שעות וואס מען האט געארבעט ביי איינס-און-א-האלב מאל די מינימום וועידזש ראטע, מינוס די גילטיגע טיפ קרעדיט.

### פאר מער אינפארמאציע

אויב איר דארפט נאך הילף, אדער איר ווילט אריינגעבן א קלאגע, ביטע רופט **1-888-4NYSDOL** (**1-888-469-7365**) אדער באזוכט **www.labor.ny.gov/minimumwage**.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע גלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם.
בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 **אדער** 1-800-662-1220 (**ענגליש**) / 1-877-662-4886.